בס"ד

# פון פלאָצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת ויגש תשפ"ה
גליון קכ"ה
שנה ד'

### יהודה האט מורא געהאט פאר זיין נידוי נאר אויב יעקב וועט שטארבן

**והיה כראותו כי אין הנער ומת... כי עבדך ערב את הנער...** (מד, לא-לב)

בפשטות האט דא יהודה געזאגט צוויי באזונדערע זאכן: איינס, כלפי בנימין אליינס, אז ער מוז צוריק אהיימקומען צו יעקב ווייל אויב נישט קען יעקב ח"ו שטארבן פאר צער. צוויי, כלפי אים, אז וועגן דעם קומט דייקא ער זיך איינצו'טענה'ן ווייל ער האט זיך מנדה געווען פון ביידע וועלטן אויב ער ברענגט אים נישט צוריק.

אבער מען קען זאגן אז די ביידע זאכן זענען הא בהא תליא. דהיינו, אז ווייל יהודה האט מורא געהאט אז יעקב קען שטארבן פאר צער, וועגן דעם האט ער זיך געזארגט אז ער זאל נישט בלייבן אין קיין נידוי.

ווייל אינ'אמת'ן וואלט אים יוסף געקענט ענטפערן: וואס האסטו אזוי מורא פאר'ן נידוי, פונקט ווי דיין טאטע האט דיר געקענט מנדה זיין קען ער דיר אויך מתיר זיין דעם נידוי? אבער פון די גמרא זעט מען (מו"ק יז.) אז א נידוי וואס א גברא רבה האט מנדה געווען, קען נישט מתיר זיין נאר א גברא רבה פונקט ווי אים.

ממילא האט יהודה געזאגט, פאר'ן עצם נידוי אליין האב איך נישט אזוי מורא, ווייל מיין טאטע קען מיר דאס טאקע מתיר זיין. אבער וואס וועל איך טון "**והיה כראותו כי אין הנער ומת**" - אויב מיין טאטע וועט שטארבן פאר גרויס צער, און מיר האבן דאך נישט קיין גברא רבה ווי אים דאס מתיר צו זיין, וועל איך דאך בלייבן מנודה אויף אייביג. וועגן דעם האט ער גלייך מוסיף געווען: "**כי עבדך ערב את הנער... וחטאתי לאבי כל הימים**" אז וויבאלד דער נידוי איז דאך געווארן דורך מיין טאטע, ממילא קען **נאר ער** דאס מתיר זיין.

### יוסף'ס תוכחה איז געווען אַ 'חידוש' אז די עלטערע זענען צוטומלט געווארן קעגן דעם קלענערן

**ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו.** (מה, ג)

פארוואס זאגט דא דער פסוק מיט א נתינת טעם; "**ולא יכלו אחיו לענות... כי נבהלו**", לכאורה וואלט וועגן געדארפט שטיין דברים כהוויתן; "**ונבהלו מפניו ולא יכלו לענות**"?

נאר אין מדרש שטייט (ב"ר צג, י; וכעי"ז בחגיגה ה:) אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה, ווייל יוסף איז דאך געווען דער קלענסטער פון די שבטים און אפילו אזוי זענען די ברידער ווי פארשטומט געווארן קעגן זיין תוכחה און זיי האבן אים נישט געקענט ענטפערן, איז דאך על אחת כמה וכמה ווען דער אויבערשטער אליין וועט פאראהאלטן ביים יום הדין יעדער מענטש אויף זיינע מעשים, וואס וועלן מיר קענען ענטפערן?!...

קען מען זאגן, אז ווען די שבטי קה די צדיקים זענען שטיין געבליבן קעגן יוסף'ס תוכחה האבן זיי אליינס זיך אויך געמאכט דעם קל וחומר און ארויסגענומען א מוסר השכל, אז אויב קעגן יוסף'ס תוכחה ווערן זיי אזוי פארלוירן, איז דאך כל שכן ווי שטארק זיי גייען צוטומלט ווערן קעגן **דעם אויבערשטנ'ס תוכחה** ווען ער גייט זיי פאָרהאלטן אויף וואס זיי האבן געטון פאר יוסף!

און וועגן דעם זאגט דאס דער פסוק מיט א נתינת טעם "**ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו**", צו זאגן אז דא איז געווען "א חידוש"; ווייל נארמאל ווערט נישט א גדול אזוי פארלוירן קעגן תוכחה פון א קטן, אבער דא איז געווען: **ולא יכלו אחיו לענות "אותו"** - כאטש אז אלע זענען געווען עלטער פון יוסף דאך האט קיינער אים נישט געקענט ענטפערן! און פארוואס טאקע? זאגט דער פסוק: "**כי נבהלו מפניו**" ווייל זיי זענען מורא'דיג צוטומלט געווארן קעגן זיין תוכחה. [וכעין הפסוק (לעיל כח, יא) "**וילן שם כי בא השמש**" שג"כ כ' בדרך 'נתינת טעם', כיון שהפסוק בא להדגיש 'החידוש' שיעקב לן שם **בגלל** שבא השמש **פתאום** שלא בעונתה.] און די תורה וויל ספעציעל מדגיש זיין ווי פארלוירן זיי זענען דא געווארן פון יוסף, אז מען זאל זיך ארויסנעמען פון דעם א מוסר השכל ווי פארלוירן מען גייט ווערן פון דעם אויבערשטנ'ס תוכחה, אזוי ווי די שבטים אליין האבן ארויסגענומען א מוסר השכל נאכן זיך מתבונן זיין אין דעם געוואלדיגן חידוש.

### די כסף און שמלות פון בנימין איז געווען אנשטאט די געלט וואס אלע אנדערע האבן באקומען

**לכולם נתן לאיש חליפות שמלות ולבנימין נתן שלש מאות כסף וחמש חליפות שמלות.** (מה, כב)

די גמרא פרעגט (מגילה טז.): קען דען זיין אז אין די זעלבע זאך וואס דער צדיק האט זיך מצטער געווען זאל ער אליינס נכשל ווערן? ווייל יוסף האבן דאך זיינע ברידער פיינט געהאט וועגן די "כתונת פסים" וואס האט גורם געווען א קנאה פון זיינע ברידער, איז פארוואס האט ער געטון די זעלבע זאך און געגעבן פאר בנימין מער ווי פאר אלע אנדערע?!

ענטפערט די גמרא, אז יוסף האט דא געוואלט מרמז זיין פאר בנימין אז עס גייט ארויסקומען פון אים "מרדכי הצדיק" וואס גייט ארויסגיין מיט פינף טייערע בגדי מלכות, אזויווי עס שטייט אין מגילת אסתר (ח, טו) "ומרדכי יצא בלבוש מלכות תכלת וחור ועטרת זהב גדולה ותכריך בוץ וארגמן", וועגן דעם האט ער אים דא געגעבן פינף חליפות שמלות.

פרעגן די מפרשים: אז למעשה איז די קשיא גארנישט פארענטפערט געווארן, ווייל סוף כל סוף, אפילו יוסף האט טאקע געהאט א ספעציעלע כוונה אין דעם, אבער פארוואס האט ער נישט חושש געווען אז דאס וועט מטיל קנאה זיין צווישן זיינע ברידער?

בנוסף צו דעם איז אויך שווער, ווייל וויאזוי האבן חז"ל פארענטפערט די **שלש מאות כסף** וואס יוסף האט אים געגעבן חוץ די **חמש חליפות שמלות**, פארוואס האט ער אויף דעם נישט חושש געווען אז דאס וועט מטיל קנאה זיין?

נאר אינ'אמת'ן איז נישט געווען דא קיין שום חשש פון מטיל קנאה זיין, ווייל ס'איז זיך געקומען פאר בנימין דא נאך עפעס א חלק. ווייל ביים ערשטן מאל אראפקומען קיין מצרים האט דאך יוסף זיי צוריקגעגעבן זייער געלט, אזוויי עס שטייט (לעיל מב, כה) **"וַיְצַו יוֹסֵף... וּלְהָשִׁיב כַּסְפֵּיהֶם אִישׁ אֶל שַׂקּוֹ"**, און בנימין איז דאך דעמאלטס נישט געווען מיט זיי, ממילא האט נאך יוסף געדארפט משלים זיין פאר בנימין דאס געלט וואס אלע אנדערע האבן דעמאלטס באקומען.

קען מען זאגן אז אין א הונגער יאר ווען די פרייז פון עסן שטייגט גאר הויך, איז די **"כֶּסֶף שִׁבְרָם"** וואס די ברידער האבן זיך מיטגענומען צו קויפן עסן געווען ווערד ווי די **שלש מאות כסף** און די איבעריגע **פיר שמלות** וואס בנימין האט באקומען. קומט אויס אז יוסף האט דא סך הכל נאר "משלים געווען" פאר בנימין דעם חלק וואס קומט זיך אים, און די ברידער גייען אים בכלל נישט מקנא זיין פאר דעם.

נאר הא גופא קשיא; אויב אזוי פארוואס האט יוסף נישט געגעבן פאר בנימין זיין גאנצע חלק מיט געלט, נאר דאס איינגעטיילט אויף **"שלש מאות כסף"** און **"חמש חליפות שמלות"**? אויף דעם ענטפערט די גמרא, אז ער האט געוואלט מרמז זיין די פינף בגדי מלכות וואס מרדכי הצדיק גייט האבן, וועגן דעם האט ער אים דייקא געוואלט געבן פינף קליידער.

## די מצרים גופא האט יוסף אליינס אפגעקויפט כדי ער זאל האבן די שליטה איבער זיי

**למה נמות לעיניך קְנֵה אותנו ואת אדמתנו בלחם ונהיה אנחנו ואדמתנו עבדים לפרעה... וַיִּקֶן יוסף את כל אדמת מצרים לפרעה... ויאמר יוסף אל העם הן קניתי אתכם היום ואת אדמתכם לפרעה.** (מז, כ-כג)

לכאורה איז דא א שווערע דיוק אין די פסוקים, ווייל קודם שטייט אז די מצרים האבן געזאגט פאר יוסף אז זיי ווילן זיך פארקויפן צוזאמען מיט זייערע פעלדער; "ונהיה **אנחנו ואדמתנו** לפרעה". נאכדעם שטייט אז יוסף האט נאר אפגעקויפט "את כל **אדמת** מצרים לפרעה" אבער זיי אליין נישט. און שפעטער שטייט אז יוסף האט געזאגט פאר די מצרים: "הן קניתי **אתכם ואת אדמתכם** לפרעה", אז ער האט אפגעקויפט **זיי** און זייערע **פעלדער**. איז פארוואס שטייט נישט פריער; "וַיִּקֶן יוסף **אותם ואת אדמתם**"?!

נאך איז שווער, פארוואס האט יוסף מפסיק געווען מיט'ן ווארט **"היום"** צווישן **"קניתי אתכם ואת אדמתכם"**, ער וואלט לכאו' געדארפט זאגן **"אתכם ואת אדמתכם"** צוזאמען, אזוויי ס'שטייט פארדעם "קנה **אותנו ואת אדמתנו**" "ונהיה **אנחנו ואדמתנו** עבדים", און **"היום"** זאל ער זאגן אדער פארדעם אדער נאכדעם?

נאר אין זוהר הק' שטייט (ח"א קפד.) אז עס איז געווען א גרויסע חסד ה' אז יוסף איז אנגעקומען קיין מצרים דורכדעם וואס זיינע ברידער האבן אים פארקויפט. ווייל וויבאלד די שבטים האבן אים פארקויפט איז ער דאך געווען אונטער זייער רשות, ממילא האבן די מצרים נישט געקענט שולט זיין אויף אים, ווייל ער איז שוין געווען פון פארדעם בשליטת השבטים. משא"כ אויב די שבטים וואלטן נישט פון פארדעם משעבד געווען יוסף וואלטן די מצרים געקענט שולט זיין אויף אים, און נאכדעם ווען די אידן זענען געקומען קיין מצרים וואלטן די מצרים געקענט האבן א שליטה אויף זיי, און זיי וואלטן ח"ו נישט געקענט עומד זיין אין די שווערע נסיונות. אבער יעצט אז יוסף איז אנקומען קיין מצרים דורך די שבטים, איז ממילא נאכדעם ווען יוסף האט מושל געווען אין מצרים, איז די גאנצע שליטה אין מצרים געווען אונטערן כח הקדושה, ווייל די שבטים האבן שולט געווען אויף יוסף און יוסף האט שולט געווען אויף מצרים, און אזוי האט כלל ישראל זיך געקענט האלטן אין מצרים.

קען מען זאגן, אז יוסף הצדיק האט דאס משיג געווען בשכלו הטהור, און ער האט פארשטאנען אז די שנות הרעב האט אויך דער אויבערשטער דייקא געמאכט כדי אז די מצרים זאלן זיך דורכדעם מוזן מכניע זיין אונטער אים, און אזוי זאלן זיי נישט קענען שולט זיין אויף די אידן אין מצרים. און וועגן דעם האט ער נישט געוואלט אז די מצרים זאלן זיך פארקויפן פאר **"עבדים לפרעה"**, נאר **ער אליינס** האט זיי געוואלט אפקויפן פאר קנעכט, כדי זיי מכניע צו זיין אונטערן כח הקדושה.

לויט דעם איז ממש געוואלדיג מדויק די פסוקים; אז קודם האבן די מצרים געזאגט פאר יוסף "קנה אותנו ואת אדמתנו... ונהיה **אנחנו ואדמתנו עבדים לפרעה**" - זיי האבן געוואלט פארקויפן זיך און זייער ערד **פאר פרעה**, אבער יוסף האט דאס נישט געוואלט - אז **פרעה** זאל שולט זיין אויף די מצרים, ווייל ער בקדושתו האט געוואלט האבן די שליטה איבער זיי!

וועגן דעם שטייט גלייך נאכדעם אז יוסף האט אפגעקויפט "את כל **אדמת מצרים לפרעה**" דאס הייסט, נאר די **פעלדער** האט ער געלאזט אונטער **פרעה'ס** שליטה, אבער די מצרים גופא האט יוסף אליינס גענומען אונטער זיין שליטה.

און בחכמתו האט ער געזאגט: **הן קניתי אתכם "היום" ואת אדמתכם לפרעה**, ער האט מפסיק געווען מיט **"היום"** צווישן **"אתכם"** און **"אדמתכם"**, אזוי צוטיילט זיך דאס אין צוויי; **"הן קניתי אתכם היום"** - **איך** האב **ענק** געקויפט, **"ואת אדמתכם לפרעה"** און ענקערע פעלדער וועט זיין פאר פרעה. ווייל אויף די מצרים גופא האט יוסף **אליינס** געוואלט שולט זיין כדי צו מכניע זיין די שווערע קליפה אונטער די כח הקדושה. [ומסיים רבינו: "והוא מדויק ונכון".]


מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868


# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות





איר קענט שיקן קוויטלעך
צום ציון הק'
להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י
הרבני הנכבד
הר"ר **יואל בערקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו
החתן **יעקב** ני"ו למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יגן
בעדו שהזיווג יעלה יפה ויזכה לבנות
בית נאמן בישראל